אויף דיינע ליפּן ווי אַ ברענענדיקער פייער! ווי שיין איז דער כּוח פון דיין פעדער (אויף דער 22-סטער זייט)... רעזומירנדיק: דיינע שירים זענען פון בעסטן מין, און איך, קענענדיק דיר אַלס מאַטעמאַטיקער, וואָס באַרעכנט תּקופות און גמטריות, בין געבליבן דערשטוינט, זעענדיק דיר, ווי דו טרעטסט אַרויס פון דיינע הימלישע ספערן צו נעמען די פידל אין האַנט און צו פאַרנעמען זיך מיט פּסוקים פון געזאַנג.

פונדעסטוועגן וועל איך נישט באַהאַלטן פון דיר אויך די פעלערן, וואָס כ'האָב דערזען אין דיינע שירים. קענענדיק דיר, אַז דו ביסט אויך שטאַרק אין דרייסט אויסזיהערן שטראָף-רייד, פונקט ווי לויב-ווערטער, אונזער שפּראַך, אויף וועלכער איך האָב געזאָגט, אַז דו ביסט אין איר קלאָר און דו פירסט איר, הגיהין דו ווילסט, איז נישט אינגאַנצן קלאָר און אויסגעזיפּט; עס זענען פאַראַן ערטער, וואָס דו רעדסט העברעיש נישט אין איר גייסט, און עס זענען פאַראַן ערטער, וואָס דו זינדיקסט מיט אויסדריקן קעגן די כּללים פון דער שפּראַך און איר גראַמאַטיק. דער העברעער זאָגט נישט....

און נאָך וועגן איין זאַך האָב איך תּרעומות צו דיר און צו די דיכטער און שרייבער פון דיין עלטער, וואָס איר האָט געמאַכט אייער ליד, וואָס זיין צוועק איז צו לערנען דאָס גאַנצע פאָלק, פאַר אייער אייגנס אָפּצורעכענען זיך מיט אייערע קעגנער. אַזוי האָט געטאָן לילייענבלום אין זיין שיר „קהל רפאים", וו ער האָט אַרויסגעבראַכט צו קעמפן מיטן בעל המגיד און האָט דורכגעפירט פאַר אונז ווי די שעפּסן די געשטאַלטן פון פאַרשיידענע יידישע פּאַרטייען. אַזוי טוט גאָטלאָבער סטענדיק, זינט ער האָט אָנגעהויבן צו באַשרייבן אין די שירים דאָס געבורט פון זיינע סעקטער, דאָס אַרויסוואַקסן פון זייערע ציינדעלעך, זייערע חתונית און גטן, אין זיינע ביכער „פּרחי האביב" און „הנצים" ביז ער איז אַ-ויס מלחמה האַלטן מיט סמאָלענסקין אין זיין צייטונג „הבוקר אור"; און אויך דו טוסט אַזוי, ווען דו שפּייסט מיט גאַל אויף סלאָנימסקין — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

משה שאַליט (ווילנע)

# ש. אַנ־סקיס רעפּעראַטן

*(לויט זיין בוך פון די צייטונגס-אויסשניטן*)*

אַנ-סקי איז געווען באַקאַנט אַלס אויסגעצייכנטער רעדנער מיט אַ באַזונדערער אויפריכטיקייט פון פאָרטראָג, לעבעדיקן, בילדלעכן אינהאַלט פון די באַאַרבעטע טעמעס און וואַרעמען, האַרציקן טאָן פון שילדערונג.

זיינע רעפּעראַטן האָבן תּמיד געהאַט דעם שטאַרקסטן דערפאָלג און פלעגן ציִען אַ גרויסן עולם צוהערער. אָפטמאָל פלעגן זיי זיין ממש אַ „געשעעניש". זיי פלעגן ברענגען אַ דאָקומענטאַרע אָפּשפּיגלונג פון שטייגער-לעבן אַמאָל און שפּעטער אָדער אַ

*) זע די דערקלערונגען אויף זייט 225.

דורכדרינגענדיקע כאַראַקטעריסטיק פון די שאַפונגס־כּוחות פון פאָלק, – און פלעגן וועקן דעם לעבעדיקסטן אינטערעס צו די יידישע נאַציאָנאַלע קולטור־פּראָבלעמען, צו די קוואַלן פון דער פאָלקס־יצירה און איר רענעסאַנס. די אוידיטאָריע פלעגט שטענדיק אַרויסזיין אַנ–סקין אַ באַזונדערע ליבע און אויפמערקזאַמקייט – די פרעסע פלעגט ברענגען גרעסערע באַריכטן, נאָטיצן, אינטערוויוען, – און די רעפעראַטן און אָוונטן פלעגן אַריינטראָגן אַ יום־טובדיקע שטימונג, עפּעס אַזוינס, וואָס דערהויבט און באַגייסטערט. אַנ–סקיס אייגענער מיט רום דורכגעגאַנגענער וועג, זיין באַהעפטונג מיט די בעסטע מענטשן און אידעאַלן פון רוסישן פאָלק, וואָס האָט אַרומגערינגלט ווי מיט אַן אָרעאָל זיין פערזענלעכקייט, האָט נאַטירלעך אויך מיטגעווירקט צו דער באַגייסטערטער באַציונג פון עולם צו אים ביי זיינע אַרויסטרעטונגען אין דער עפנטלעכקייט, צו וועלכע מען האָט זיך באַזונדערס צוגעהערט, – און צום נייגעריק־הייסן אויפנעם ביי זיין אומקערן זיך צו יידישע פּראָבלעמען און צום צאַפּלדיקן דופק פון יידישן פאָלק.

אין משך פון די לעצטע 10 יאָר פון זיין לעבן אין רוסלאַנד האָט אַנ–סקי סיסטעמאַטיש געהאַלטן זיינע רעפעראַטן, אַרומפאָרנדיק איבער צענדליקער שטעט אויסערן „תחום המושב" און אין „תחום".

די רעפעראַטן פלעגן איינאָרדענען דער עיקר: די פּעטערבורגער יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט געהאַט 98 אָפּטיילונגען אין די פאַרשיידנסטע פונקטן פון רוסלאַנד און האָט עקזיסטירט פון יוני 1908 ביז יולי 1911; ווייטער – די יידישע וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך געעפנט אין פּעטערבורג אין דעצעמבער 1911 (אַנשטאָט דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן פון דער מאַכט), אָבער שוין אָן אָפּטיילונגען; די יידישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט, וואָס איז לעגאַליזירט געוואָרן אין פּעטערבורג אין יאָר 1908; די יידישע בילדונגס־געזעלשאַפט (אָפּע) אין פּעטערבורג, וועלכע האָט פון יאָר 1903 אָנגעהויבן צו אַרבעטן לויט אַ נייעם סטאַטוט מיטן רעכט צו עפענען אָפּטיילונגען איבער גאַנץ רוסלאַנד (ביז 1914 האָט זי געהאַט אַזוינע 29) און אַנדערע.

די גרעסטע צאָל רעפעראַטן, וואָס אַנ–סקי האָט געהאַלטן, פאַלט דעריבער אויס צווישן די יאָרן 1914-1908 און ביז 1918, ווען ער האָט אויף שטענדיק פאַרלאָזן רוסלאַנד.

די צייטונגס־אויסשניטן אין זיין „בוך", וואָס האָבן אַ שייכות צו די רעפעראַטן הויבן זיך אָן פון 23 אָקטאָבער 1908 און ענדיקן זיך מיט דעם 28 יאַנואַר 1918. די נאָטיצן פאַרצייכענען זיינע רעפעראַטן אין פאָלגנדיקע שטעט: פּעטערבורג, ווילנע, מינסק, סמאָרגאָן, בערדיטשעוו, קיעוו, זשיטאָמיר, ניעזשין, אָדעס, סטאַווראָפּאָל, באַקו, יעקאַטערינאָסלאַוו, לוגאַנסק, כאַרקאָוו, קאָוונע, מאָסקווע, ביאַליסטאָק, קישיניעוו – רייזעס איבער דרום רוסלאַנד, צענטראַל־רוסלאַנד (טולע) און סיביר. אין אייניקע פון די שטעט איז אַנ–סקי געווען צו עטלעכע מאָל אין פאַרשיידענע יאָרן, אין אַנדערע שטעט פון די אויסגערעכנטע האָט ער געהאַלטן פאַרשיידענע רעפעראַטן, אין און דעמזעלבן רעפעראַט האָט ער, פאַרקערט, אָפּטמאָל געלייענט אין פאַרשיידענע שטעט אָדער איבערגעחזרט די זעלבע טעמע מיט אַ צייט שפּעטער. די שפּראַך פון די רעפעראַטן איז גרעסטנטיילס געווען רוסיש, – אייניקע זענען אָבער אויך געווען אויף יידיש. עטלעכע מאָל האָט אַנ–סקי אויף די אָוונטן פאַרגעלייענט זיינע ווערק אויף יידיש.

די טעמעס פון די רעפעראַטן זענען אין ווייט-גרעסטן טייל געווען יידישע.

צווישן די 22 רעפעראַטן, וועגן וועלכע ס'זענען פאַראַן באַריכטן אין די צייטונגס-אויסשניטן, זענען בלויז דריי אויף אַלגעמיינע טעמעס, — אַלע איבעריקע באַהאַנדלען גאָר יידישע (קולטורעלע, ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע) ענינים.

אָט זענען די נעמען פון די 22 אַנ-סקיס רעפעראַטן, כראָנאָלאָגיש, ד"ה לויט דעם ערשטן מאָל, ווען ער האָט זיי געהאַלטן, ווייל איניקע (דערהויפּט וועגן דער שפּראַכן-פראַגע און גאָר באַזונדערס וועגן דער יידישער פאָלקסשאַפונג) האָט ער דער-נאָך איבערגעחזרט, אונטער פאַרשיידענע טיטלען און מיט אַלערליי וואַריאַציעס, אין משך פון יאָרן:

1. וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די שפּראַכן אין דער יידישער ליטעראַ-טור (1908).
2. געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן אין דער יידישער פאָלקסשאַפונג (1909).
3. די מלחמה און איר אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור (1910).
4. די גרונט-מאָטיוון פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג (1910).
5. וועגן מענדעלי מוכר ספרים (1910).
6. די יסודות און כאַראַקטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור (1910).
7. פאָלקס-ליטעראַטור און דער לייענער פון פאָלק (1910).
8. די יידישע ליטעראַטור און אירע פּערספּעקטיוון (1910).
9. וועגן דעם יידישן פאָלקסליד (1911).
10. וועגן דער יידישער פאָלקסמוזיק (1911).
11. די יידן און די מלחמה פון 1812 (פּאַטערלענדישע מלחמה און די יידן) (1911).
12. באַדייטונג און כאַראַקטער פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג (1914).
13. די לעגענדעס פון אגדות פון די יידן אין דרום-מערב-געגנט (1914).
14. וועגן הדר (1913).
15. דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון יידנטום (וועגן לעגיאָן) (1915).
16. וועגן מצב פון יידישן טעאַטער (1916).
17. די רעאַלע און מיסטישע יסודות פון דער יידישער משיחות ("לעגיאָן") (1916).
18. די לעגענדעס פון אַלטע שטיינער (1916).
19. די יידישע פאָלקסשאַפונג (מעשהלעך פון אומשטערבלעכן גייסט) (1916).
20. די לעצטע באַגעגעניש מיט ש. פרוג (1916).
21. פרוג, שלום-עליכם, פרץ (1916).
22. טעאַטער פאַרן געריכט פון דער רעוואָלוציע (1918).

מיר וועלן דאָ איבערגעבן אין קורצע שטריכן, אין אַ באַרבעטער פאָרם, דעם אינהאַלט פון די רעפעראַטן לויט די צייטונגס-אויסשניטן.

## 1. אַלגעמיינע טעמעס.

אַזוינע זענען געווען דריי: א) די מלחמה און איר אָפּשפּיגלונג אין דער ליטע-ראַטור. ב) פאָלקסליטעראַטור און דער לייענער פון פאָלק; ג) טעאַטער פאַרן משפּט פון דער רעוואָלוציע.

## 1. די מלחמה און איר אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור.

(„רעטש"; „סאַנקטפּעטערבורגסקיע וועדאָמאָסטי"; „נאָוויע סלאָווא"; „נאָוואַיאַ רוס", פּעטערבורג — די נומערן פון 10 יאַנואַר 1910; „איז-וועסטיאַ ליטעראַטורי אי ביבליאָגראַפיאי ט-וואַ ס. אַ. וואָלף", 2 פעברואַר; „מינסקי גאָלאָס", 12 פעברואַר).

דעם רעפעראַט האָט אַנ-סקי געהאַלטן דעם 8 יאַנואַר 1910 אין דער פּעטערבורגער ליטעראַרישער געזעלשאַפט. אין אַ חודש אַרום האָט ער דעם זעלבן רעפעראַט, אונטער דעם אַ ביסל געענדערטן נאָמען „די אָפּשפּיגלונג פון דער מלחמה אין דער פאָלקסשאַפונג", געלייענט אין מינסק.

דאָס רוסישע פאָלק, — האָט געזאָגט אַנ-סקי, — איז קיינמאָל נישט געווען קריגעריש, האָט נישט געקוקט אויף דער מלחמה, ווי אויף אַ לעבנסצוועק, און האָט זי נישט פאַרהייליקט מיט מאַראַלישע כאָטיוון. די רוסישע פאָלקסשאַפונג באַשטעטיקט דאָס.

די רוסישע פאָלקסמאַסע קוקט אויף דער מלחמה ווי אויף אַ גרויסן אומגליק, און בהסכם דערמיט האָט זיך אויסגעבילדעט אַ מענגע פאָלקסלידער, וואָס באַווײנען דעם רעקרוט, ווי אַ מת. די שרעק, די בלוטפאַרגיסונג, די טרערן פון די אלמנות, יתומים, פאָטערס און מוטערס האָט די פאָלקספאַנטאַזיע אויסגעמאָלט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שאַרפקייט. „סלאָוואָ אָ פּאָלקו איגאָרעוואָ" איז אַ בולטע אילוסטראַציע דערצו.

דער רוסישער מענטש אַלס סאָלדאַט גייט תמיד העלדיש צום טויט, ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געקוקט אויף מלחמה, ווי אויף אַ נאַציאָנאַלע זאַך, און האָט נישט צונויפגעבונדן מיט איר נצחון זיין עקזיסטענץ.

נאָר דאָס יאָר 1812 איז געבליבן אין זכרון פון פאָלק ווי אַ נאַציאָנאַלע געשעעניש. דאָס פאָלקס-לידער באַזינגט עס.

די פאָלקס-מאַסע דערוואַרט כמעט שטענדיק פון דער מלחמה די פאַרענטפערונג פון דער ערד-פראַגע.

דער רעפערענט ברענגט אַ ריי לעגענדעס און לידער, וואָס האָבן אַ שייכות צו מלחמה, אין וועלכע ס'איז אויסגעדריקט די רוסישע גוטמוטיקייט, דאָס פעלן פון יעדן שאָוויניזם, די פריינטלעכע באַציִונג צום שונא, מיט וועלכן מען האָט אָקאָרשט בלוטיק געקעמפט. דער רעפערענט ברענגט אויך אַ ריי ציטאַטן פון ל. נ. טאָלסטאָי, פ. דאָסטאָיעווסקי, גל. אוספּענסקי און אַנדערע קענער פון דער רוסישער פאָלקספּסיכאָלאָגיע, וואָס באַשטעטיקן עס.

וועגן אַנדערע פעלקער זענען אין דער רוסישער פאָלקס-מאַסע פאַרשפּרייט אַלערליי פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען. אַ סך קאָן זי אינגאַנצן נישט, וועגן אַנדערע האָט זי נאָר אַ שוואַכע פאָרשטעלונג. די פאַרקערפּערונג פון די מערב-פעלקער זענען אין די פריערדיקע צייטן געווען די דייטשן. מיט זיי האָט זי זיך געטראָפן מער ווי מיט אַנדערע. די דייטשן זענען אין פאָרשטעלונג פון פאָלק קולטורעל, אַנטוויקלט און זאַכלעך. די ענגלענדער האַלט דאָס פאָלק פאַר פיפיקע, כיטרע און פאַלשע. די „אַנגליטשאַנקע" רייצט אַלעמען אָן אויף רוסלאַנד און אַליין שטייט זי אָן אַ זייט און העלפט אַלע שונאים. פון די מזרח-פעלקער האָט דאָס פאָלק די גרעסטע אַכטונג צו די כינעזער. כינע איז אַ געטרייער פאַרבינדעטער פון רוסלאַנד. מיט כינע אין געשלאָסן אַן

Russian people are anti-militaristic

אײביקער שלום. די פאָלקס-פאַנטאַזיע האָט דעם דאָזיקן שלום אײַנגעוועבט אין אַ פּרעכטיקער פּאָעטישער לעגענדע וועגן אַ סלופּ, וואָס שטייט אויף דער גרענעץ צווישן רוסלאַנד און כינע:

## 2. פאָלקס-ליטעראַטור און דער לייענער פון פאָלק.

(„באַקי״ 28 און 30 נאָוועמבער 1910; „קאַספּיאַ״ 30 נאָוועמבער ד. י.; „גאָלאָס מאָסקווי״ 4 יאַנואַר 1914; „אָדעסקאַ נאָוואָסטי״ 4 פעברואַר ד. י. נומער 9259).

דעם רעפעראַט האָט אַנ-סקי געהאַלטן אין באַקו (אין ליטעראַריש-קינסטלערישן קרײַזל) דעם 28-טן נאָוועמבער 1910.

די אינטעליגענץ, האָט געזאָגט אַנ-סקי, האָט זיך גענומען צו דער פראַגע, ווען עס איז שוין געווען צו שפּעט. די אַרויסגעבער-ספּעקולאַנטן האָבן שוין אויסגענוצט די באַדערפענישן. דאַן האָט זיך געשטעלט אַ צווייטע פּראָבלעם: קעמפן מיטן שונד („לובאָטשנאַיאַ ליטעראַטורא״), וואָס איז דער עיקר פאַרשפּרייט געוואָרן פון מאָסקווער פאַרלעגער סיטין.

די „לובאָטשנע״ ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט שנעל. סוף נײַנציקער יאָרן זענען שוין געווען אין מאָסקווע 22 פאַרלאַגן מ״ט אַ יערלעכן אומזאַץ פון 7–8 מיליאָן רובל בײַ אַ יערלעכן טיראַזש פון 15 מיליאָן ביכער!

דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט אַ נײַ וואָרט וועגן דער פאָלקס-ליטעראַטור, איז געווען ל. נ. טאָלסטאָי. שוין אין די 60-ער יאָרן, ווען ער האָט זיך פאַרנומען מיט דערציונגס-פראַגן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף נײַע מעטאָדן און אויך באַרירט דאָס פּראָבלעם פון פאָלקס-ליטעראַטור. מיט 20 יאָר שפּעטער האָט זיך טאָלסטאָי אומגעקערט צום דאָזיקן ענין, אָבער שוין אַלס „פּראַקטיקער״. אַרויסגעבנדיק ביז 22 דערציילונגען פאַרן פאָלק. אין יענער צײַט האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן דער באַוווסטער פאַרלאַג „פּאָסרעדניק״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון ל. נ. טאָלסטאָי און גאָרבונאָוו-פּאָסאַדאָוו. אין צוויי יאָר אַרום האָט שוין די אונטערנעמונג געקאָנט אויפווײַזן אויף גרויסע דערפאָלגן. די ביכער פון „פּאָסרעדניק״, — געשריבן פאַרן פאָלק, אין אַ פאָלקס-שפּראַך און אויף לעבנס-טעמעס פאַרן פאָ״ק, — זענען זיך שנעל און ברייט פונאַנדערגעגאַנגען. און דער עיקר — וואָס ווײַטער האָבן די מאַסן אָנגעהויבן אַלץ מער צו זוכן און פאָדערן אָט די ביכער. אַזוי זענען טאָלסטאָיס דערציילונגען פאַרן פאָלק פאַרקויפט געוואָרן אין משך פון 18 חדשים אין 400 000 עקזעמפּליאַרן.

ווי נאָר די „לובאָטשניקעס״ האָבן זיך איבערצייגט, אַז די אויסגאַבעס פון „פּאָסרעדניק״ הויבן זיי אָן אַרויסצושטופן, אַז עס אַנטשטייט אַן ערנסטע געפאַר פאַר זייער שונד-פאַבריקאַציע, האָבן זיי זיך גענומען ווענדן צו אמתע שריפטשטעלער מיט בקשות צו „שרײַבן״, נישט קיין שונד, אויך פאַר זיי. און אָט זעען מיר אין יענער צײַט דעם זייער אינטערעסאַנטן פאַקט, ווי סיטין שטאָט אָפּ אַ וויזיט טאָלסטאָיען. דער קעניג פון די „לובאָטשניקעס״ איז געקומען זיך מיישב זײַן מיט דעם גרעסטן שרײַבער פון רוסישן לאַנד, וועלכע ביכלעך אַרויסצולאָזן אויפן מאַרק... און איז געוואָרן אַ בעל-תשובה.

Sitin vs. Tolstoy

Rubakin
Alchewskaya

NB
you can't force-feed
the folk w/ highbrow
fare

דאָס איז געווען די צייט פון „קליינאַרבעט", וואָס איז געטאָן געוואָרן פון דער
אינטעליגענץ מיט אַ פאַנאַטישער באַגייסטערונג. אין קעגנגעוויכט צו די „אָפעני" פון
די שונד-אונטערנעמער (אַזוינע „אָפעני", — קאַראָבעלניקעס, פּעדלער פון דער
סחורה, — האָבן די „לובאָטשניקעס" דאַן געהאַט אַ קיימאָ-לן פון 20 טויזנט !..) האָבן
די זעמסטווער אָרגאַניזירט אייגענע גרופּעס פון „אָפעני" און האָבן זיי געשיקט איבער
די דערפער און שטעט מיט קאָלעקציעס גוטע פאָלקסביכער. ניט זעלטן האָט געטראָפן,
אַז די אינטעליגענטן אַליין פלעגן אַרויפלייגן אויף די פּלייצעס קערב מיט ביכער און
האָבן געטראָגן אין דאָרף אַריין געזונטע גייסטיקע שפּייז.

מיטן וווּקס פון גוטע פאַרלאַגן און קולטור-אויסגאַבעס פאַרן פאָלק, האָט זיך
אָנגעהויבן אַ צווייטע וויכטיקע אַרבעט — צו פאָרשן דעם לייענער. דעם אָנהויב האָט
געלייגט די כאַרקאָווער בילדונגס-טוערין אַלטשעווסקאַיאַ און נאָך איר — רובאַקין.
ס'זענען אָרגאַניזירט געוואָרן קולטורטרעגערישע אָפּטיילונגען, וועלכע פלעגן ניט נאָר
דורכפירן פאַרלייענונגען פון ווערק צווישן פאָלק, נאָר פלעגן אויך פאַרשרייבן זיינע
איינדרוקן און באַמערקונגען. די דאָזיקע מאַטעריאַלן, געזאַמלטע אין אַ פערזענלעכן
קאָנטאַקט מיטן פאָלק דורך ערנסטע מענטשן, זענען געלייגט געוואָרן אַלס יסוד אין
דער ווערטפולער צוויי-בענדיקער אַרבעט פון אַלטשעווסקאַיאַ „טשטאָ טשיטאַט נאַראָדו"
וואָס זאָל דאָס פאָלק לייענען) און אין אַ ריי אַרבעטן פון רובאַקינען. פון די דאָזי-
קע פאָרשונגען זעט מען, אַז דער לייענער פון פאָלק געהערט צו אַ גאַנץ אַנדער טיפּ,
וי דער לייענער-אינטעליגענט. דאָס פאָלק נעמט אויף פּסיכאָלאָגיש גאַנץ אַנדערש.

אַנ-סקי דערציילט, ווי מיט אַ יאָר 15 צוריק איז אים אויסגעקומען צו מאַכן
בס... אַציעס צווישן די שאַכטערן אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע. די אוידיטאָריע
יז געווען די שאַכטע, און ער—אַן אייגענער מענטש. ער האָט זיי געלייענט לערמאָנ-
טאָוו, פּושקינען, גאָגאָלן... אָבער ער האָט געפילט, אַז די אוידיטאָריע גייט אַוועק
ון אים: וואַרף עס אַוועק! האָבן געשריגן די שאַכטערן. און אָט זענען געקומען די
...כלעך פון „פּאָסרעדניק" — און די אוידיטאָריע האָט זיך אומגעקערט צו אים. דאָס
יז געווען אַ יום-טוב. ס'האָט איבערראַשט דער דורשט צו ליטעראַטור, אָבער צו אַזאַ,
אָס איז איר פאַרשטענדלעך. „פּאָסרעדניק", זאָגט דער לעקטאָר, האָט געשפּילט אַ
...וויסע ראָל אין דער געשיכטע פון דער רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט. ער האָט צו-
...גרייט דעם באָדן: ווי רובאַקין האָט דערציילט אַנ-סקין, זענען אין יאָר 1905–6
...ויסבעלאָין געוואָרן אויפן מאַרק 42 000.000 פאָלקסביכלעך.

אַז דער באָדן איז שוין געוואָרן אַביסל אויפגעאַקערט און ס'איז שוין עפּעס
...טון געוואָרן צו באַגרייפן די פּסיכאָלאָגיע פון פאָלק, — האָט מען שוין אויך געקאָנט
...מערקן נייע וועגן, — צו דער קינסטלערישער ליטעראַטור פאַרן פאָלק. און דאָס
... דער עיקר-ציל.

די טעמע פון רעפעראַט האָט אַנ-סקין פאַרנומען אין משך פון אַ לאַנגער ריי
...רן. נאָך פאַרן רעפעראַט האָט אַנ-סקי אָפּגעדרוקט אין „וויעסטניק יעוראָפּיי"
...19, אַפּריל און פּריער), אַ גרעסערע אַרבעט „די מלחמה און דאָס פאָלק", ווו ער
...צרט אויף די שעדלעכקייט פון די „לובאָטשנע" בילדער, וואָס האָבן פאַלש געמאָלט
... געשעענישן פון דער רוסיש-יאַפּאַנישער מלחמה. אַזוי האָט צירקולירט איבער די
...עט און דערפער אַ „קאַרטינע", וואָס האָט באַוויזן אין שונד-פאָרעם די גע-

וואָלטיקע/גבורה פון רוסישן פלאָט ביי פאָרט-אַרטור, ווו ער האָט כלומרשט א חל
געמאַכט פון די יאַפּאַנער. הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן זענען פאַרשפּרייט גע·
וואָרן אין דער צייט, ווען פּאָרט-אַרטור איז שוין לאַנג געווען געפאַלן און האָט זיך
געפונען אין יאַפּאַנישע הענט...

אין דריי יאָר אַרום נאָכן רעפעראַט איז אַרויס אַנ-סקיס בוך „נאַראָד אי קניגאַ"
(דאָס פאָלק און דאָס בוך) — (פאַרלאַג פון וו. סטאָליאַר. מאָסקווע, 1913), אַ גרויסע
אַרבעט, אין וועלכער דער מחבר באַהאַנדלט געגוי די ענינים פון פאָלקס-ליטעראַטור
און פאָלקס-לייענער. אין בוך האָט אַנ-סקי צונויפגעזאַמלט אַלע זיינע באַטרעפנדיקע
אַרטיקלען, וואָס זענען אין משך פון די לעצטע צען יאָר געווען געדרוקט אין פאַרשי·
דענע רוסישע זשורנאַלן און צייטשריפטן. צום בוך איז אויך צוגעגעבן זיין אָפּהאַנד·
לונג „דאָס פאָלק און די מלחמה", — אַלזאָ די ביידע הויפט-רעפעראַטן אויף אַלגעמיי·
נע טעמעס, וואָס האָבן אים באַזונדעס אינטערעסירט אין משך פון פיל יאָרן און האָס
זענען אַ שטיק צייט געווען צונויפגעבונדן מיט זיין פערזענלעכן לעבן. ווען אַנ-סקי
דאָס געאַרבעט צווישן פאָלק אַלס איינפאַכער אַרבעטער אָדער אַלס לערער, וועלכער
האָט געלייענט פאַר זיין אוידיטאָריע טלערליי ווערק פון „גרויסע און קליינע מחברים"

## 3. קונסט און טעאַטער פאַרן משפט פון דער רעוואָלוציע.

דאָס זענען ניט געווען קיין רעפעראַטן אין איינגטלעכן זין פון וואָרט, נאָר
אַנ-סקיס אַרויסטרעטונגען אין קאָלעקטיווע פאָרלייענונגען אַלס ליטעראַרישע דיספוטן.

דער ערשטער דיספוט איז פאָרגעקומען דעם 20־טן יאַנואַר 1918 אין לאָקאַל פון די
העברעע פרויען־קורסן אין פעטערבורג און איז געווען איינגעאָרדנט פון פאַריין פון
די קונסט־טוער אונטערן נאָמען „די קונסט און די רעוואָלוציע". אין דיספוט האָבן זיך
באַטייליקט פּראָפ. זיעלינסקי, פ. סאָגאָלוב, פּראָפ. פאָרמאַקאָווסקי, גיזעטי, אַנ-סקי,
גרינעוויטש א. אַ.

אַ צווייטער דיספוט איז פאָרגעקומען דעם 28־טן יאַנואַר 1918 אין נעווסקי־טע·
אַטער אין פעטערבורג, בייטאָג, אונטערן נאָמען „דער טעאַטער פאַרן משפט פון דער
רעוואָלוציע" און אין אים האָבן זיך באַטייליקט: ז. ווענגעראָוואַ, וו. יורעניעוו, טעפי,
אַנ-סקי, אַל. וואָזנעסענסקי, גר. גר. גע, פ. גיידעבוראָוו, באַר. נ. דריזען, א. קוגעל,
ח. קאַראַטיגין, ק. מאַרדזשאַנאָוו, פ. מאַראָזאָוו, ע. געדימין, ב. ראָמאַנאָוו, מ. סאָקין.
דער פאָרזיצער פון דיספוט איז געווען פּראָפ. ס. אָ. גרוזענבערג.

קיין גענויערע ידיעות וועגן די דיספוטן זענען אין די צייטונגס-אויסשניטן נישטאָ

## I. יידישע טעמעס.

אַזוינע זענען געווען ניינצן. די נומערן 2, 4, 9, 12, 13, 18, 19, — וועגן דער
יידישער פאָלקס־שאַפונג, — הויפט־רעפעראַט אַנ-סקיס פון יידישן כאַראַקטער, — זע·
נען באַאַרבעט אין זיינע אַרטיקלען, געדרוקטע אין 15־טן באַנד (פאָלקלאָר און עטנאָ·
גראַפיע) פון זיינע ווערק אויף יידיש (אין דעם באַנד איז אויך געבראַכט אַנ-סקיס
רעפעראַט אויף דער זעלבער טעמע, געהאַלטן אין ווילנע, נאָך זיין פאַרלאָזן אויף

שטענדיק רוסלאַנד, דעם 8-טן נאָוועמבער 1918). — די נומערן 14 (חדר), 15 און 17 (לעביאַן), 16 (יד. טעאַטער), האָבן מיר שוין איבערגעגעבן אויבן (זייטן 233—237). — פֿאַרבלייבן די נומערן 1, 5, 6, 8, 10, 11, 20, 21, — וועלכע מיר וועלן דאָ קורץ סקיצירן.

## *גלייכבארעכטיקונג פון די שפראכן אין דער יידישער ליטעראטור.*

(„סלאָווא" 25 אָקטאָבער 1908; „רעטש" 7 נאָוועמבער ד. י., פעטערבורג).

דעם 23-טן אָקטאָבער 1908 איז אין דער ניי-געגרינדעטער פעטערבורגער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, נאָך דער פאָרלייענונג פון שלום אַש, פאָרגעקומען אַ רעפעראַט פון ש. אַנ-סקי אויף דער אָנגערופענער טעמע, וועלכע האָט אַרויסגערופן לעבעדיקע דעבאַטן.

לויט דער מיינונג פון רעפערענט, דערקלערט זיך די ציטווייליקע ירידה פון דער יידישער ליטעראַטור מיט דעם פאַרשיידענעם באַשטאַנד פון יידישן לייענער. אין דער צייט, ווען פאַר דער אינטעליגענץ, וועלכע באַהערשט נישט אָפטמאָל נישט די העברעישע און נישט די יידישע שפּראַך, איז צוטריטלעך די ליטעראַטור נאָר אויף דער רוסישער שפּראַך, — פאַרשטייט דער ווייט-גרעסטער טייל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט נאָר יידיש. אויף אַזאַ אופן קאָן נישט די יידישע ליטעראַטור, ווי דאָס איז מיט די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער, רעכענען אויף אַ ברייטן און איינהייטלעכן קרייז פון לייענער. און דאָס מוז, פון דער אַנדער זייט, זיך אומבאַדינגט אָפּרופן אויף דעם קולטורעלן ניוואָ פון יידישן פאָלק. די אויפגאַבע פון דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט דאַרף דעריבער זיין די אונטערשטיצונג פון ליטעראַרישע ווערק אויף אַלע דריי שפּראַכן: רוסיש, העברעיש און יידיש. אַנ-סקין האָט אָפּאָנירט ה' גאָלדשטיין, וועלכער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז נאָר העברעיש קאָן זיין די שפּראַך פון דער יידישער ליטעראַטור.

דעם 5-טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען דער המשך פון דער פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ג. שטיף האָט געהאַלטן אַ קאָ-רעפעראַט אויף דער זעלבער טעמע. שטיף האָט אויפגעוויזן, אַז אַ נאַציאָנאַל-קולטורעלן ווערט האָט נאָר די יידישע ליטעראַטור אויף העברעיש און יידיש, אָבער אין קיין פאַל נישט די רוסיש-יידישע ליטעראַטור, וועלכע האָט נישט קיין באַדייטונג. שטיפן האָט אָפּאָנירט דובנאָוו, ברוצקוס א. אַ. מסכים זייענדיק מיט אייניקע פּרטים פון זיין רעפעראַט, האָבן זיי אָבער אָנגעוויזן אויף די „איינזייטיקייט און טענדענציעזקייט" פון זיינע אָנשויונגען, ד. ה. זיי האָבן געהאַלטן מיט אַנ-סקין וועגן דער דריישפּראַכיקייט פון דער יידישער שאַפונג.

## *די יסודות און כאַראַקטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, — די יידישע ליטעראַטור און אירע פּערספּעקטיוון.*

(„מינסקי גאָלאָס", 19 יאַנ. 1910; „הד הזמן", 20 יאַנ.; „קיעווסקאַיאַ מיסל", 5 פעברואַר נומ. 36; „קיעווסקי וויעסטניק", 7 פעבר.; „יעוור. מיר", 8 פעבר.; „וואָלין"

(זשיטאָמיר), 5 מערץ; „די נײַע העלט", 10 מאַי; „יעװר. אָבאָזר.", 27 מאַי; „סיעװע-זאַפּאַדנאַיאַ גאַזעטאַ", 24 נאָװעמ; „קאַספּיאַ"; „באַקו", 26 נאָװ.; „װאָסנאַיאַ זאַריאַ" (יעקאַטער.), 18 דעצ.; „כאַרקאָװסקאַיאַ מיסל". גאַזעטאַ" אין „איס-אַ", 11 פֿעב. 1911; „רוסקיאַ װיעדאָמאָסטי" (מאָסקװע) און „אוטראָ ראָסיאי", 15 יאַנ. 1914; „גאָלאָס מאָסקװי", 19 יאַנ.; „קיעװסקאַיאַ מיסל", 24 יאַנואַר 1914).

די בײדע רעפעראַטן זענען אַ װיכטיקער המשך און אַ דערגאַנצונג צו דעם פֿריערדיקן רעפעראַט װעגן דער שפּראַכן-פֿראַגע.

דער גרונט-געדאַנק פֿון די רעפעראַטן איז געװען פֿאָלגנדיקער:

דאָס יידישע פֿאָלק איז צעריסן אויף דרײַ טײלן: 1) די פֿאָלקס-מאַסע אָן דער אינטעליגענץ; 2) די נאַציאָנאַליסטישע אינטעליגענץ; 3) די אַסימילירטע אינטעליגענץ. און די דאָזיקע דרײַ טײלן האָבן באַזונדערע דרײַ באַזונדערע ליטעראַטורן: די יידישע, די העברעישע און די רוסיש-יידישע. קײן אײנע פֿון די דרײַ ליטעראַטורן פֿאַרמאָגט ניט אַלע עלעמענטן, װאָס זענען נויטיק צו אַ נאָרמאַלן װאַקסן און שאַפֿן. ס׳דאַרף זײַן אײנע, אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, און אַזאַ איז נישטאָ. װאָס װעט זײַן? דער רעפֿערענט קאָן אויף דעם קײן תשובה ניט געבן, מען קאָן נאָר משער זײַן. ס׳זענען פֿאַראַן צװײ-װעגן. דער דריטער װעג — אַסימילאַציע*) — קאָן ניט גענומען װערן אין באַטראַכט, װײַל ער באַדײַט דעם אונטערגאַנג פֿון דער אומה. די צװײ װעגן זענען — דער ציוניזם און דאָס נאַציאָנאַלע לעבן אין גלות. װעט מנצח זײַן דער ציוניזם — װעט די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור װערן די העברעישע; — די נאַציאָנאַלע אַנטװיקלונג אין גלות װעט ברענגען צו דער העגעמאָניע פֿון דער ליטעראַטור אויף יידיש, אויף דער שפּראַך, אין װעלכער עס לעבט זיך אויס די פֿאָלקס-מאַסע. דאָס זענען די צװײ מעגלעכקײטן. דער רעפֿערענט רופֿט צו שלום צװישן די בײדע שפּראַכן. די העברעיסטן און יידישיסטן דאַרפֿן זיך געבן די הענט און מאַכן אַ סוף צו דעם קאַמף. געפֿינענדיק זיך; אויסװעג פֿאַר אַ געמײנזאַמער אַרבעט צו שאַפֿן אַ נײַע אײנהײטלעכע קולטור. װאָס זאָל ראַטעװען די נאַציע פֿון די לויערנדיקע סכנות. װען אָבער די פֿאַרשײדענע טײלן פֿון דער יידישער אינטעליגענץ װעלן זיך צונױפֿגיסן מיט די יידישע מאַסן, — װעט די שפּראַך זײַן אײנע און די ליטעראַטור װעט זײַן אײנע. דער רעפֿערענט גלויבט אין מענטשן, אין פּראָגרעס, אין אויפֿלעבונג פֿון נאַציאָנאַלן יידישן גײַסט, — און פֿאַר דער דאָזיקער אויפֿלעבונג דאַרף מען אַרבעטן, ניט אָפּשרעקנדיק זיך פֿאַר די אויסערלעכע באַרינגונגען.

די אָפּשרעקנדיק (?) - see text

די אָמבערסטן גענויע באַריכטן װעגן די רעפעראַטן זענען אָפּגעדרוקט אויף רוסיש אין „קאַספּיאַ" (באַקו), „באַקו", „אוטראָ" (כאַרקאָװ) און „מינסקי גאָלאָס"; די

*) אײן צײטונג („פּרידניעפּראָװסקי קראַי", יעקאַטערינאָסלאַװ, 14 יאַנ. 1910) האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט אַנ-סקיס געדאַנק: „דער לעקטאָר דערלאָזט די אַזוי-גערופֿענע אונטער-אַסימילאַציע, אָבער אין קײן פֿאַל ניט די פֿולע אַסימילאַציע, װאָס פֿירט צום נאַציאָנאַלן טויט". אַ צװײטע צײטונג („דאָניעצקאַיאַ זשיזן", לוגאַנסק, 15 דעצ. 1910) כאַראַקטעריזירט אַנ-סקין, װי דעם „מערסטפֿולקסטן צװישן אַלע יידישע שריפֿטשטעלער, װאָס שרײַבן אויף רוסיש".

„קיצוסקאַיאַ מיסל״*) האָט ווי תּמיד געגעבן אַ גרויסן קריטישן אַרטיקל; אויף יידיש געפינען מיר אַ באַריכט אין דער וואַרשעווער „די נייע וועלט״, פון איר פּעטערבורגער קאָרעספּאָנדענט פּאַציפער, אונטערן נאָמען: „דריי ליטעראַטורן — דריי לעבנס״. אַ פּאָר גראָבע דרוק־פעלערן אין דעם באַריכט האָט אַנ־סקי אייגנהענטיק פאַרריכט אין דעם ציַיטונגס־אויסשניט.

צום פולערן בילד פון די באַרירטע פּראָבלעמען דאַרף מען נאָך דערמאָנען די ציַיטונגס־אויסשניטן מיט די פּאָלעמישע אַרטיקלען פון וו. מ ע ד ע ם קעגן אַנ־סקיס שטאַנדפּונקטן, געדרוקט אונטערן נאָמען „פּיסמאַ בעז אַדרעסאַ״ (בריוו אָן אַן אַדרעס) אין „יעווריייסקי מיר״ 1910, נומ׳ 23–24, 29, 31.

וועגן די רעפעראַטן נומ׳ 5, 10, 21 זענען פאַראַן אין די ציַיטונגס־אויסשניטן נאָר קורצע נאָטיצן (וועגן איינעם, נומ׳ 10, — פּאָיקסמוזיק, — אַ שאַרפע קריטישע רעצענזיע פון באַוווּסטן מוזיק־היסטאָריקער ניקאָלאַי בערנשטיין אין „ס׳ פּעטערבורגסקיאַ וויעדאָמאָסטי״ 9 מערץ 1911); וועגן נומ׳ 11, — נאַפּאָלעאָנישע מלחמה און די יידן, — איז געדרוקט אַ קורצער באַריכט אין „רעטש״ 24 נאָוועמבער 1911. אייניקע אינטערעסאַנטע ידיעות, וועלכע מיר ברענגען צום סוף, געפינען מיר וועגן נומ 20 (פּרוג). דערמיט וועלן זיין אין תּוך אויסגעשעפּט כמעט אַלע באַטרעפנדיקע ציַיטונגס־אויסשניטן, אין אַנ־סקיס „בוך״, וועגן זיינע רעפעראַטן.

## די לעצטע באַגעגעניש מיט ש. פרוג.

(„בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי״ 3 נאָוו. 1916; „דיען״ ד.ד., „יעוור. זשיזן״, „יעוור. נעדיעליאַ״ 13 נאָוו.).

דער אָוונט איז פאָרגעקומען אין דער פּעטערבורגער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט (אין לאָקאַל פון גינסבורגס מושב זקנים) בערך זעקס וואָכן נאָך פרוגס טויט, דעם 1 נאָוועמבער 1916. אונטער דעם פאָרזיץ פון מ. מ. ווינאַווער. נאָך דובנאָווס רעפעראַט וועגן דער געזעלשאַפטלעך היסטאָרישער באַדייטונג פון פרוגס פּאָעזיע („יעוור. נעדיעליאַ״ נומ. 45 און 46), האָט אַנ־סקי דערציילט וועגן זיין לעצטער באַגעגעניש מיט פרוגן, געבנדיק צוערשט אַ בולטע כאַראַקטעריסטיק פון דיכטער.

אין לעצטן גרויזאַמען יאָר, האָט געזאָגט אַנ־סקי, זענען פאַרלאָשן געוואָרן אונדזערע דריי שטערן: פּרץ, שלום עליכם און פרוג. זיי אַלע האָבן אַריינגעשריבן ווייטע נעמען אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. אָבער אונדז, וואָס האָבן זיך דאָ צונויפגעקליבן, איז פרוג געווען נענטער, נויטיקער, אַזוי צו זאָגן, אינטימער. דער יידישער אינטעליגענט, וואָס לעבט מיט אַ פרעמדער קולטור און וואָס איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אָפּגעריסן פון די גייסטיקע אינטערעסן פון פאָלק, איז פרוג געווען נאָענט און נויטיק, וויל אין זיין פּאָעזיע האָט ער געפונען ענטפערס אויף די פראַגן, וואָס האָבן איר געמאַטערט. און הגם קיינער פון די יידישע פּאָעטן האָט נישט אַרויסגעוויזן אין זיין שאַפונג אַזויפיל נאַציאָנאַלע עלעמענטן, איז פרוג נישט געווען קיין

*) אין אַ צווייטן אַרטיקל, מיט אייניקע יאָר שפּעטער (1914, נומ׳ 24), ברענגט דיזעלבע ציַיטונג אַ גריוו פון מאַסקווע וועגן אַנסקיס זעלבן רעפעראַט, וואָס ס׳האָט איינגעאָרדנט די „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן ריכטיקע ידיעות וועגן יידן״. דער זאַל איז געווען, ווי תּמיד, איבערפול, אָבער דורכאויס פון יידן...

שאָוויניסט, נאָר אַ שאַרפער אויסדריקער פון די יסורים פון זיין פאָלק, וואָס האָט 17 יאָרהונדערטער נישט געוואוקסן פון קיין מינוט פרייד. ס'איז נישט ריכטיק די שאַבלאָנדעפיניציע, אַז פרוג איז געווען אַ זינגער פון ייִדישן טרויער. פרוג איז געווען דער זינגער פון דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן שטאָלץ, און נישט זיין שולד איז, וואָס דער ייִדישער שטאָלץ האָט זיך פאַרקערפּערט אין טרערן און יסורים. דערכאַנט זיך, — ווענדעט זיך אַנסקי צו די פאַרזאַמלטע, — אַז פיל האָבן זיך דאַן געשעמט מיטן ייִדישן נאָמען, פרוג האָט געוויזן, וויפל שיינקייט ס'איז פאַרבאָרגן אין ייִדנטום. און פרוגס פאַרדינסט איז, וואָס ער האָט נאַציאָנאַליזירט די ייִדישע אינטעליגענץ, אומקערנדיק איר צום פאָלק.

פרוג, — האָט ווייטער געזאָגט אַנ-סקי, — האָט געלעבט צווישן דער אַסימילירטער ייִדישער אינטעליגענץ, געשריבן האָט ער אויף רוסיש, זיין פרוי איז געווען אַ קריסטין. אויסערלעך איז ער געווען אַזוי ווי אָפּגעריסן פון ייִדנטום, אָבער אין דער נשמה האָט ער אויפגעהיט אַ קאָלאָסאַלן קוואַל פון נאַציאָנאַלע עמאָציעס. זיין אויסערלעכע אָפּגעריסנקייט האָט נישט אָנגערירט די אינעווייניקסטע פון דורות אָנגעקליבענע אוצרות.

אַנ-סקי איז דערנאָך אַריבער צו די זכרונות וועגן פרוגן, מיט וועלכן ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַקענט אין יאָר 1907. פרוג האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ ציטערדיקן, אין זיך פאַרשלאָסענעם מענטשן, וואָס אַנטלויפט פון אַרום. אין אָדעס, וווּהין ער איז אַריבערגעפאָרן פון פעטערבורג, האָט ער זיך אין דער סביבה פון מענדעלע, ביאַליק און ראַווניצקי געפילט באַדייטנדיק בעסער, אינטימער. דאָס לעצטע מאָל האָט אַנ-סקי געזען דעם דיכטער אין פעברואַר 1916. א"ע האָבן דאַן גערעדט, אַז פרוג שטאַרבט אַוועק, אָבער שוין לאַנג האָט מען געזאָגט, אַז ער איז האָפנונגסלאָז. לויט אַנ-סקיס איינדרוקן, האָט זיך פרוג דאַן די גאַנצע צייט געפונען אונטער דער ווירקונג פון אָנקומענדיקן טויט: ער האָט זיך אַזוי ווי אויסגעטיילט פון לעבן. צום סוף האָט אַנ-סקי איבערגעלייענט צוויי שירים פרוגס אויף העברעיש, וועלכע פרוג האָט צוגעשיקט אים און דובנאָוון אַ פּאָר וואָכן פאַרן טויט (געפינען זיך אין הע"ג-אַרכיוו).

נאָך אַנ-סקין האָט גענומען דעם שלוס-וואָרט ווינאַווער, וועלכער האָט צווישן אַנדערן דערציילט, אַז מער ווי 25 יאָר, ווי ער וווינט אין פעטערבורג און אים איז פונדעסטוועגן קיין איין מאָל נישט אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט פרוגן. דער דאָזיקער פאַקט רופט אַרויס אַן אומהיימלעך געפיל. לאַנגע יאָרן האָט צוזאַמען מיט אונז געלעבט אַ פּאָעט, פון אַלעמען אַ פאַרגעסענער און פאַרלאָזענער. אין דעם פאַל איז שולדיק נישט נאָר פרוגס אָפּגעשלאָסנקייט, נאָר אויך אונזער האַרצלאָזיקייט...

דעם 21 און 22 דעצעמבער 1916 האָט זיך אַנ-סקי אומגעקערט צו פרוגס אָנדענק. אין די צוויי טעג זענען פאָרגעקומען צוויי גרויסע מוזיקאַליש-ליטעראַרישע אָוונטן (מיט איין און דעמזעלבן זייער רייכן פּראָגראַם) אין דער גרויסער אוידיטאָריע פון פּאָליטעכנישן מוזיי אין מאָסקווע, אָרגאַניזירט פון דער געזעלשאַפט פון ייִדישער פאָלקסמוזיק, געהייליקט דעם זכרון פון פרוג, שלום-עליכם און פרץ. דעם אַריינטריטסוואָרט האָט געהאַלטן ש. אַנסקי. אַ טייל פון דער הכנסה איז געווען באַשטימט אויף היימען פאַר ייִדישע קינדער, קרבנות פון מלחמה...